בס"ד

# "יא, מיר גייען צו בחירות...

# את החיים ואת המות, ובחרת בחיי"ם..."

**מאמר השקפה**

פרשת שופטים

תשפ"ו לפ"ק

מיר זענען שוין אריין אין חודש אלול מיט אלע מפרשים.

אין אנדערע ווערטער, לויט'ן באקאנטן משל פון רבותינו הק' זלה"ה:

"די כרוזים גייען שוין ארויס, דער מלך קומט שוין אן אין שטאט, ווער עס האט שכל גרייט זיך שוין אן, ער איז מסדר די בקשות וואס ער האט צו בעטן ביים מלך, און ער מאכט זיכער אז ער האט א פלאץ ביים קבלת פנים, ער ווארט אפ דעם מלך אינדרויסן, און ער וויל האבן די געלעגנהייט צו בעטן זיין בקשה נאך איידער דער מלך קומט אריין אין די שטאט".

אוודאי איז דאס דער ריכטיגער מהלך, פארוואס זאל ער דאס לאזן אויף הושענא רבה ווען ער וועט זיך שפירן אזוי אויסגעשפילט, אזוי חוזק?! ער לויפט נאך דעם וואגן פונעם מלך ווען ער איז שוין אויפ'ן וועג אהיים, און ער דארף האבן א ריכטיגן תירוץ אויף די שווערע קשיא **"אי מלכא אנא עד השתא אמאי לא אתית לגבאי"**?! אוי, דאס איז בזיונות, שווערע בזיונות.

עס לוינט זיך צו זיין צייטליך, אנשטאט מ'זאל דארפן קענען טרעפן א תשובה אויף די בזיונות'דיגע פראגע.

אבער, וואס עס ליגט אויף אונז צו טון יעצט אויף די מינוט, כהיום הזה שטייענדיג ביי ראש חודש אלול תשפ"ו, דאס טרעפן מיר אלעמאל אינעם חומש'ל.

## צדק צדק תרדוף: דעם אמת מיט'ן אמת

**שופטים ושוטרים תתן לך... צדק צדק תרדוף למען תחי' וירשת.**

'צדק תדק תרדוף', צו זוכה זיין צו משיג זיין דעם אמת דארף מען דאס נאכלויפן, מ'דארף דאס זוכן, מ'דארף דאס וועלן, און מ'דארף זיין גרייט צו מקריב זיין און אוועק געבן דערפאר.

צדיקים האבן געטייטשט 'צדק, צדק תרדוף', דעם אמת זאלסטו נאר נאכלויפן מיט'ן אמת, נישט אז אויפ'ן וועג פון זוכן דעם אמת און מיט'ן ציל צו מברר זיין דעם אמת לאמיתה זאלסטו זיך אנטרעפן מיט אלע שקרנים, מיט אלע זייפנים, מיט אלע מסלפים, און מחליט זיין אז אויב מ'וויל אנקומען לחקר האמת מעג מען מתיר זיין אלע אנדערע איסורי תורה, און אויפגעבן אויף אלע אנדערע גדרים וסייגים וואס מיר האבן מקבל געווען.

**מיר זענען נישט מסופק אז די חברי כנסת המינים, אט די עלעמענטן וואס וועלן נאך היינט מהפך זיין הקערה על פיה, זיי וועלן נאך היינט בעזות פנים ומצה נוצן די נעמען פון די גדולי ישראל, פון די אמאליגע צדיקים, זיי וועלן אפיר קראצן די ערשטע קול קורא'ס וואס זענען געשריבן געווארן מיט באלד 80 יאר צוריק, און מיט דעם פרובירן צו שלעפן די מאסן אז זיי זאלן אנטייל נעמען אין די בחירות הטמאות, בו בזמן וואס זיי אליין זענען שוין לכל הדעות אוועק געקראכן עשר מעלות אחורנית פון דעם וואס מען אט אמאל גערעדט.**

**צדק צדק תרדוף?! שקר שקר תרדוף!**

חס ושלום, חס ושלום!

לא זו הדרך, אונזערע הייליגע רבי'ס, אונזערע וועג ווייזער וואס האבן אויסגעטרעטן אונזער מסורה, רבותינו הקדושים מוסדי דור ודור, און אין די לעצטיגע דורות, דער **חתם סופר** ותלמידיו, דער **צאנזער רב** וממשיכי דרכו, אונזער הייליגער רבי מרן רביה"ק **מסאטמאר** זי"ע, קיינער פון זיי, האט קיינמאל נישט גענוצט די פינסטערע קליפה פון 'שקר' - א זאך וואס די תורה הקדושה אליין זאגט דעריף 'מדבר שקר תרחק', שטיי ווי ווייטער, האב נישט קיין שייכות דערמיט בכלל - כדי צו מחזק זיין דערמיט דעם אמת.

מיר וואלטן ווען געקענט ממשיך זיין מיט'ן פשוט מעתיק זיין מקראי קודש, פסוק נאך פסוק אין פרשת שופטים וואס זאגן קלאר און דייטליך וואס די תורה הק' פארלאנגט פון אן

ערליכן איד, וויאזוי מען דארף זיך פירן און וויאזוי מען לויפט נאך דעם אמת.

די תורה פארלאנגט פון אונז אמת!

'אמת לאמיתה', זיך נישט לאזן פארדרייען דעם קאפ פון דמיונות, פון הבלי הבלים, פון שמועות פורחות באוויר, פון שקרים וואס קומען דעקן אויף אנדערע שקרים, נאר מ'דארף ארייניליגן אן עבודה פון 'רדיפה', נאכלויפן דעם אמת, זוכן דאס צו דערגרייכן אפילו עס איז נישט לייכט.

**האט דער ס"מ געענטפערט מיט א נצחון שמייכל "אדרבא, פונקט פארקערט, דו האסט 'מיך' נישט באגעגענט אין חו"ל, ווייל אין חוץ לארץ ארבעטן נאר מיינע שליחים, איך אליין געפון זיך דא אין ארץ ישראל, דא איז מיין הויפטקווארטיר, מיין באזע!".**

**מיר קענען זאגן ברוח הדברים האלה, אזא שקר, אזא בלאף, אזא כפירה ומינות, דאס איז דער 'שקר' אליין, דאס איז נישט זיין שליח, נישט זיין ברודער, און נישט זיין שותף.**

עס לוינט זיך סיי וועלכער פרייז צו צאלן דערפאר, ווייל עס איז 'מתן שכרה בצדה', "למען תחיה וירשת". די תורה הק' זאגט דאך צו אזא שטארקע הבטחה, אז אויב וועט מען גייט מיט'ן אמת, אויב וועט מען זוכן דעם אמת וועט מען זוכה זיין צו 'תחיה וירשת', אבער אויב גייט מען מיטן שקר, איז נישטא, נישט קיין 'תחיה', און נישט קיין 'וירשת'.

מיט'ן זיך ווייקן אין שקר, מיט'ן אוועק געבן טעג און יארן אויף פאליטישע ענינים וואס האט נישט קיין שייכות מיט '**צדק צדק תרדוף**', זאכן וואס האט נישט קיין שייכות מיט "**וקמת ועלית אל המקום אשר יבחר ה' אלקיך**" **בו**', דעמאלטס קומט מען נישט אן אין ערגעץ, דעמאלטס בלייבט מען ביים שקר, מען בלייבט ביים דמיון, און דארט אינוועסטירט מען אלע כוחות, נישט מען איז זוכה צו קיין '**תחיה**', און מען פארדינט אויך גארנישט, עס איז נישטא קיין '**וירשת**', ווייל סוכ"ס בלייבט מען קרח מכאן וקרח מכאן, א דערלייגער פון אלע זייטן.

פרשת שופטים, די סדרה וואס מיר לערנען אין אנהויב חודש אלול, ווען דער קול שופר שאלט אין אונזערע אויערן, פירט אונז צו זוכן דעם אמת.

## דער אומגליקליכער שידוך

עס איז באקאנט וואס דער מדרש (שוח"ט ז') דערציילט, אז ווען דער שקר איז געקומען צו גיין אין די תיבה אריין ווען דער מבול האט זיך אנגעהויבן, האט אים נח נישט ערלויבט אריינצוקומען אינעווייניג, מיט די טענה אז השי"ת האט אים באפוילן אריינצולאזן נאר ווער עס קומט פּאָרווייז 'שנים שנים', נח האט אים געזאגט קליפ און קלאר "קענסטו זיך טרעפן א פאר איז גוט, אז נישט ווער פארשוועמט מיט די מי המבול".

דער שקר האט זיך ארויסגעלאזט אויף די יארכע זוכן א פארל, אבער עס איז נישט לייכט געווען. ווייל באמת, ווער וויל דען זיך משדך זיין מיט'ן שקר? יעדער האט דאס ליב אויף די מינוט, שקר איז א צוקערל וואס זעט אויס זיס אויף די מינוט, אבער א 'שידוך'? בלייבן פארבינדן מיט'ן שקר?! ניין, קיינער וויל דאס נישט בשום אופן.

יגעת ומצאת, ער האט זיך באגעגנט מיט'ן שלימזל, ער לויפט צו צו אים און ער באט אן א שותפות אז זיי זאלן אינאיינעם אריינגיין אין די תיבה. ער האט א טענה, דער שקר איז אליין, ער איז עלנד און הילפלאז, עס דראעט אויף אים א סכנה אז ער זאל פארשוועמט ווערן מיט די מי המבול, און דער שלימזל איז דאך בכל אופן א שלימזל, און עס איז זיכער נישטא ווער עס וויל זיין מיט אים א שותף, ממילא אזא שידוך איז דאך לעילא ולעילא.

שקר וויל שוין ברעכן טעלער, און אין זיין שווינדלערישן מח וועבן זיך געדאנקען אז מעגליך וועט ער דא קענען באיזה אופן שהוא אפבעטן אביסל שדכנות געלט... וואס איז?! אויב איז ער דער חתן טאר ער נישט בעטן אפאר טאלער ווען סוכ"ס איז דאך דער שידוך געווען זיין געדאנק??!

דער שלימזל לאזט זיך אבער נישט, און ער פרעגט דעם שקר "זאג נאר גוטער ברודער, מה יקר, וואס באצאלסטו פאר'ן שותפות?". עס האט נישט געהאלפן קיין טענות ומענות, דער שלימזל האט נישט איינגעשטימט צו ווערן א פארל מיט'ן שקר, ביז ווען דער שקר האט אים געמוזט געבן א צעטל כתוב וחתום אז אלעס וואס דער שקר וועט פארדינען מהיום הזה ולעלם, וועט דער שלימזל איבערנעמען...

און אזוי איז צושטאנד געקומען דער שידוך צווישן שקר מיט'ן שלימזל, און זינט דאן האט דער שקר ערליך איינגעהאלטן זיין הבטחה, אלעס וואס עמיצער האט פארדינט אדאנק זיין שקר, האט דער שלימזל אוועק געגנומען.

אזוי זאגט דער מדרש.

## בחירות הטמאות איז "שקר שבשקר"...

עס איז אזוי אומבאקוועם אין אזעלכע הייליגע געהויבענע זמנים פון ראש חודש אלול זיך אזוי אראפלאזן צו א דיוטא התחתונה, און זיין א תרנגול המנקר באשפה, גיין רעדן איבער די געמיינע בחירות אין די ציוני'סטישע מדינה.

אויב האלטן מיר היינט ביי א מצב ווען אפילו די ערליכע אידן אין די אגוד'יסטישע לאגערן זענען אזוי אנטוישט אין זייערע 'נציגים הידועים', און עס איז דא א ערנסטע מעגליכקייט אז דאסמאל וועלן טויזנטער ערליכע אידן שומרי תורה ומצוות זיך מונע זיין פון צו גיין צו די בחירות.

עס לאזט זיך זאגן אז עס איז נאך ביז היינט נישט געווען קיינמאל אין די היסטאריע אזא שפל המצב, אזא זמן ווען דער אזלת יד פון די חברי הכנסת איז אזוי בולט, זיי קענען נישט גארנישט באווייזן, זיי זענען נישט בכח גארנישט צו העלפן, אויב עפעס קענען זיי נאר אפטון.

צווישן זייערע אייגענע רייען האט מען די וואך געהערט רעדן א שפראך אז "נאך 78 יאר מעג מען שוין מודה זיין - דער סאטמארער רבי האט פאראויס געזען דאס וואס די חרדי'שע פאליטיקאנטן עקשנ'ען זיך נאך ביז היינט נישט צו זען".

מיר זענען נישט מסופק אז די חברי כנסת המינים, אט די עלעמענטן וואס וועלן נאך היינט מהפך זיין הקערה על פיה, זיי וועלן נאך היינט בעזות פנים ומצח נוצן די נעמען פון די גדולי ישראל, פון די אמאליגע צדיקים, זיי וועלן אפיר קראצן די ערשטע קול קורא'ס וואס זענען געשריבן געווארן מיט באלד 80 יאר צוריק, און מיט דעם פרובירן צו שלעפן די מאסן אז זיי זאלן אנטייל נעמען אין די בחירות הטמאות, בו בזמן וואס זיי אליין זענען שוין לכל הדעות אוועק געקראכן עשר מעלות אחורנית פון דעם וואס מען אט אמאל גערעדט.

צדק צדק תרדוף?! שקר שקר תרדוף!

עס לאזט זיך זאגן זייער רואיג, עס איז נישטא נאך אזא געמיינער שקר און בלאף ווי די בחירות צום ממשלת השמד.

עס איז ידוע דער סיפור, אז ווען הרה"ק רבי **אברהם קאליסקער** זללה"ה איז ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל, ווי נאר ער האט אראפגעשטיגן פון די שיף, זעט ער ווי דער ס"מ שטייט ביים בארטן און ווארט אים אפ. זאגט ער אים "איך בין דאך אוועק געפארן פון חוץ לארץ ווייל איך האב געוואלט פון דיר פטור ווערן, דערוויל ווי נאר איך קום אן קיין ארץ ישראל זע איך אז דו ביזט אויך דא?!"

האט דער ס"מ געענטפערט מיט א נצחון שמייכל **"אדרבא, פונקט פארקערט, דו האסט 'מיך' נישט באגעגנט אין חו"ל, ווייל אין חוץ לארץ ארבעטן נאר מיינע שליחים, איך אליין געפון זיך דא אין ארץ ישראל, דא איז מיין הויפטקווארטיר, מיין באזע!".**

מיר קענען זאגן ברוח הדברים האלה, אזא שקר, אזא בלאף, אזא כפירה ומינות, דאס איז דער 'שקר' אליין, דאס איז נישט זיין שליח, נישט זיין ברודער, און נישט זיין שותף.

דער א.ג. 'חוב קדוש' איז פון די סאמע ערשטע מינוט, מיסודו איז עס געווען שקר דורכאויס, א פאלשער געבלאפטער קול קורא, וואס ווען נישט די כיטערע בלאף פונעם אבי אבות השקר דער ראש האגודה, שר הסעד, און נאך טיטול'ען מיט וואס ער האט זיך ארומגעטראגן, וואלט דאס קיינמאל נישט געווען.

און דאס נעמען יענעם אמאליגן צעטל וואס איז געשריבן געווארן מיט 80 יאר צוריק, לויט יענע מצבים און אומשטענדן, און זאגן 'שליחותי' דקמאי קעבדינן', ווען דער מציאות בימים ההם איז געווען דער היפך גמור פון וואס מיר לעבן מיט כהיום הזה, און כהיום הזה טוט מען גענוי דאס פארקערטע, גענוי וואס די דעמאלטסדיגע חותמים וואלטן לוחם געווען דערקעגן בחרף נפש, דאס איז שקר שבתוך השקר.

**צו זאגן אז מ'נעמט דעם הארבן ענין פון 'דם' און מ'לייגט דאס אריין אינעם הייליגסטן ענין פון 'אכילת מצה' וואס טאר נישט האבן אין זיך קיין שום פרעמדע זאך, דאס איז א טיפער 'שקר שבשקר', וואס נאר א טומאה שבטומאה, אזא שקר שבשקר ווי די קליפה הנוצרית, נאר זיי האבן דאס געקענט אויסטרעפן, און נאר זיי האבן געקענט דערמיט פייניגן אידישע קינדער.**

שקר שקר תרדוף.

ביי א געלעגנהייט האבן מיר געהערט פון **כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א** ווען ער האט גערעדט איבער די קריסטליכע 'עלילת דם' וואס פלעגט אמאל ליידער זיין שטארק פאפולער, און ליידער האבן אידן איבעראל אזוי שווער געליטן דערפון, און וויפיל אידישע קינדער זענען ליידער געגאנגען אויף קידוש ה' צוליב די פאלשע בלבולים, האט ער מסביר געווען אז דאס איז 'שקר שבשקר'.

דער דערהער איז זייער פשוט: קודם כל, אידישע קינדער ווייסן אכטונג צו געבן אויף מצות אז דאס זאל זיין בלויז וואסער מיט מעל, און מ'איז אפילו מקפיד אויף סיי וועלכע

'מי פירות', כאטש עס איז א מדובר דערוועגן, אבער מיר לאזן גארנישט אריין אין אונזערע מצות אויסער 'מים שלנו' מיט 'מעל שמורה משעת קצירה'. אפילו אויף דאס ביסל שוויס איז מען באזארגט.

אויסערדעם, 'דם' איז איינע פון די הארבסטע איסורי תורה, עס זענען דא אזויפיל אזהרות וואס טוען אונז אנווארענען איבער דעם חומר הענין פון אכילת דם, קיינמאל, קיינמאל, טאר א איד נישט עסן קיין ברעקל בלוט. מ'טוט אזויפיל פעולות, פיזיש און פינאנציעל, צו מאכן זיכער אז קיין טראפן בלוט קומט נישט אן צו אונז אין טעלער.

צו זאגן אז מ'נעמט דעם הארבן ענין פון 'דם' און מ'לייגט דאס אריין אינעם הייליגסטן ענין פון 'אכילת מצה' וואס טאר נישט האבן אין זיך קיין שום פרעמדע זאך, דאס איז א טיפער 'שקר שבשקר', וואס נאר א טומאה שבטומאה, אזא שקר שבשקר ווי די קליפה הנוצרית, נאר זיי האבן דאס געקענט אויסטרעפן, און נאר זיי האבן געקענט דערמיט פייניגן אידישע קינדער.

כהיום הזה, ווען מען גרייט זיך צו די בחירות הטמאות, און נאך אלע דורכפעלער ווילן זיי נאך אלס טרעפן תירוצים צו פארדרייען די מוחות, און זיי באנוצן זיך נאך מיט'ן 'חוב קדוש' מיט וואס דער ערשטער שקרן האט פאראורבעט צו נעמען דייקא די '**אגודת ישראל**' וואס איז אפיציעל נתייסד געווארן צו לוחם זיין קעגן ציונות, און אויסנוצנדיג דעם שווערן צובראכענעם מצב נאך די ביטערע מלחמה, האט ער געמאכט דעם געלונגענעם שידוך צווישן 'שקר און שלימזל', אגודה מיט ציונות, איז דאס 'שקר שבקשר'!

זיי נעמען דעם שקר און זיי ווילן מיט דעם בויען די טומאה הציונית ביתר שאת וביתר עז, אלעס כדי מ'זאל קענען בויען די די טומאה, די עבודה זרה, דער גרעסטער עיכוב וואס האלט אפ ביאת משיח צדקינו עד היום הזה.

## זה לעומת זה - צדק צדק

אין די זעלבע צייט דארף מען ארויסברענגען דעם פארקערטן פריידיגן מציאות וואס מ'זעט, דער זה לעומת זה, וואס מ'האט נארוואס בייגעוואוינט דעם זונטאג אינעם יומא דהילולא רבא, ווען אלפים ורבבות אידן האבן באלאגערט דעם ציון הק' פונעם הייליגן צדיק, מרן רביה"ק זי"ע, אין זיין הייליגע שטאט קרית יואל.

פון אזויפיל אספעקטן זעט מען בחוש דעם 'קושטא קאי', ווי דער כח האמת והצדק וואס דער רבי זי"ע האט איינגעפלאנצט בשעתו וואקסט און שפראצט אויף אן אומגלויבליכן פארנעם, אמת מארץ תצמח, און טראץ וואס מ'שטייט אזויפיל יארן אפגערוקט פון זיין הסתלקות לשמי מרום, איז נישט נאר נישט אפגעשוואכט געווארן זיין השפעה, נאר אדרבא ואדרבא, ס'איז מוסיף והולך פון יאר צו יאר אויף אן אומבאשרייבליכן פארנעם.

**בלויז אין די טעג ארום די הילולא קדישא האט מען געזען אזא קלארן ביישפיל, ווען דער מוסד הק' קרן הצלה האט אויסגעטיילט אין ארה"ק די פאנטאסטישע סומע פון פ-י-נ-ף מ-י-ל-י-א-ן דאלאר! און דאס איז שוין געווען די פערטע חלוקה בלויז היי יאר, וואס האט ארויפגעברענגט דעם סכום וואס מ'האט אויסגעטיילט אין דעם איינעם יאר צו אן אומגלויבליכע "זיבעצן מיליאן דאלאר!"**

בלויז אין די טעג ארום די הילולא קדישא האט מען געזען אזא קלארן ביישפיל, ווען דער מוסד הק' קרן הצלה האט אויסגעטיילט אין ארה"ק די פאנטאסטישע סומע פון **פ-י-נ-ף מ-י-ל-י-א-ן דאלאר!** און דאס איז שוין געווען די פערטע חלוקה בלויז היי יאר, וואס האט ארויפגעברענגט דעם סכום וואס מ'האט אויסגעטיילט אין דעם איינעם יאר צו אן אומגלויבליכע "**זיבעצן מיליאן דאלאר!**"

דער אויסטערלישער קידוש השם וואס דאס האט אויפגעטרייסלט גאנץ ארץ ישראל, ד' מאות פרסה על ד' מאות פרסה, האט געוויזן דעם עוד ישראל רד עם ק-ל, דער אנגייענדער הימלישער כח פונעם "**צדק צדק תרדוף**".

תלמידי וחסידי סאטמאר פון אומעטום ברענען ווייטער מיט זיין הייליגן גייסט, און דער פייער וואס ער האט אנגעצינדן, די מלחמה לה' בעמלק וואס ווערט אנגעפירט דורך זיינע קינדער און קינד'ס-קינדער פון איבער דער גארער וועלט, וועט טליען און פלאקערן ביז משיח'ס טאג.

ווילאנג די כוחות הטומאה וועלן פרובירן עוקר צו זיין דעם שם שמים אינעם פלטרין של מלך, וועט דאס יהדות החרדית הצרופה קעמפן מיט די לעצטע כוחות צו פארזיכערן דעם ווייטערדיגן עתיד פון אמת'ער אויטענטישער אידישקייט בדרכי אבותינו ורבותינו הק'.

זה לעומת זה עשה האלקים.